בעזרת השם יתברך

# פרק צא-צב

## ראה

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

די כוונה פון פסוק "גם צפור מצאה בית" וגו'. - אין חודש ניסן ווערן די אידן געלויבט דורך די נשמות אין הימל. - די מעלה פון די צדיקים וואָס האָבן זוכה געווען צו קינדער תלמידי חכמים. - די טירחות פאַר'ן יום טוב פסח ווערן גערעכנט ווי אַ באַזונדערע מצוה. - אין פסח איז מען דן דעם מענטש אויב ער האָט מקיים געווען די מצוה פון צדקה אַ גאַנץ יאָר. - דער חיוב וואָס ליגט אויף די גבאים פון צדקה צו געבן קמחא דפסחא און אַנדערע צרכי החג פאַר די אָרימעלייט. - מעשיות פון דער גמרא און פון זוהר. - אַ טעם פאַרוואָס די גבאי צדקה ווערן צוגעגליכן צו די שטערן.

די 49 טעג פון ספירת העומר אלס הכנה צום הייליקן יום טוב שבועות. - אין יום טוב שבועות האבן די אידן זוכה געווען אריינצוקומען אין פופציקסטן שער פון די שערי קדושה. – דער קרבן עומר וואס די אידן האבן מקריב געווען אין מדבר. – פארוואס דער יום טוב שבועות האט נישט זיבן טעג. – די גרויסקייט פון זאגן תיקון ליל שבועות.

# על ידי שיראת ה׳ היא אוצרו, על ידי זה התורה נקראת תורת ה׳

וזהו ג״כ ענין מארז״ל פ״ב דשבת דף ל״א סע״א, קבעת עתים לתורה כו׳ פלפלת בחכמה כו׳, ואפילו הכי **אי יראת ה׳ היא אוצרו אין, אי לא לא.** משל לאדם שאמר לשלוחו העלה לי כור חיטין לעליה, הלך והעלה לו, אמר ליה, **עירבת לי בהן קב חומטין, אמר ליה, לאו, א״ל, מוטב שלא העליתה.** והענין, כי **חטה הוא כ״ב אתוון דאורייתא** . . **וקב חוטמין** פרש״י ארץ מלחה, **והוא ענין ולא תשבית מלח כו׳.** וזהו שנזכר עירבת לי בהן קב חומטין, דתיבת לי מיותר, אלא דר״ל **שע״י שיראת ה׳ היא אוצרו אזי התורה והחטים הם לי, ונק׳ תורת ה׳** . . משא״כ תורה בלא יראה כו׳.

(לקוטי תורה לבעל התניא דף ו׳ טור א׳)

# אינהאלט

## פון פרקים צ״א - צ״ב

א. אין פרק צ״א ווערט דערקלערט: אַז די נשמות אין גן עדן אין חודש ניסן פייפען מיט לויב און תפילות אויפן כלל ישראל, ווייל די אידן זענען דעמאָלט באַשעפטיגט מיט מצות ........ ה

ב. זיי האָבן זיי זוכה געווען צו פאַרהוילענע היכלות מער פון די צדיקים וואָס זיצן צווישן די שורות ווייל זיי האָבן מעמיד געווען קינדער תלמידי חכמים ........ ו

ג. אַלע מלאכות פון באַקן מצות זאָלן געטאָן ווערן דורך אידן ........ ו

ד. אויב מען גיט נישט צדקה און מעשר ווי עס באַדאַרף זיין, משפט השי״ת די וועלט וועגן די תבואה וואָס ער האָט געגעבן פריערדיגן יאָר ........ ז

ה. דער חלק וואָס מען גיט צו די אָרימע לייט איז דאָס דער חלק פון ג-ט ........ ז

ו. אויף אַלע גבאים איז מוטל זיי זאָלן דעם חודש אַכטונג געבן אויף די אָרימע לייט ........ ח

ז. די וויכטיגקייט פון געבן מעשר! ........ ט

ח. אין פרק צ״ב ווערט דערקלערט דער ענין פון ״ספירה טעג״, זיך צו רייניגן און ארויסגיין פון די

שערי טומאה כדי אריין צו גיין אין די שערי קדושה. ........ יא

ט. יעדן טאָג האָט ער אונז אַריין געברענגט אין איין שער הקדושה ........ יא

י. די אידן האָבן זוכה געווען אַריין צו גיין אין דעם פופציגסטן שער פון די שערי בינה ........ יב

יא. דערפאַר איז שבועות איין טאָג מרמז צו זיין אַז השם יתברך איז איינער און די אידן זענען איין פאָלק אין דעם לאַנד ארץ ישראל ........ יב

יב. אין די ניין און פערציג טעג זענען זיי אַרויס געגאַנגען פון דער טומאה און זענען אַריין אין די ניין און פערציג שערי בינה ........ יב

יג. לערנען די נאַכט פון שבועות אַזוי ווי דער האר״י הקדוש זכרונו לברכה האָט מתקן געווען ........ יג

יד. וואויל איז דעם מענטש וואָס טוט אַזוי, און בזכות זה וועט השם יתברך אויף אונז משפיע זיין אַ נייע ליכט ........ יד


❖ ❖ ❖

# פרק צ״א

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: אַז די נשמות אין גן עדן אין חודש ניסן פייפען מיט לויב און תפילות אויפן כלל ישראל, ווייל די אידן זענען דעמאָלטס באַשעפטיגט מיט מצות**

**א. דוד המלך** עליו השלום, האָט געזאָגט (תהלים פד, ד): ״גַּם צִפּוֹר מָצְאָה בַיִת, וּדְרוֹר קֵן לָהּ וגו׳״ אויך דער פויגל האָט געפונען איין הויז און דאָס פרייע פויגל האָט זיך געפונען אַ נעסט, און דאָס האָט דוד אַ וואַדאַי נישט געזאָגט אויף אַ סתם פויגל, ווייל וואָס איז דען די רבותא (חידוש) אַז אַ פויגל האָט געפונען אַ הויז. נאָר דעם ענין שטייט אין זוהר פרשת בלק , אַז די עולמות אין די חדרים וואָס עס איז פאַרהאַן אין גן עדן וואָס די צדיקים זיצן דאָרט, זענען זיי איינגעטיילט אין דריי שורות, זיי זיצן מיט כבוד, גדולה און קרוינען זענען אויף זייערע קעפ, און צווישן די שורות שפאַצירן זיך די נשמות פון די צדיקים, וואָס זיי האָבן נאָך נישט אַזויפיל זוכה געווען אַזוי ווי די צדיקים וואָס זיי זיצן אויף זייערע ערטער. נאָר דאָס שפאַצירן וואָס זיי שפאַצירן זיך צווישן די שורות איז דאס פאר זיי אויך אַ גרויסע תענוג, און האָבן דערפון נחת רוח, און אויף זיי ווערט געזאָגט דער פסוק ״גַּם צִפּוֹר מָצְאָה בַיִת, וּדְרוֹר קֵן לָהּ״ אויך די נשמות וואָס האָבן נאָך נישט זוכה געווען צו זיצן צווישן די צדיקים אויף זייער ארט, נאָר זיי שפאַצירן צווישן זיי, געפונען אויך אַ הויז און אַ נחת-רוח דערמיט, און דערפאַר רופט ער זיי ציפּור, ווייל אין חודש ניסן הייבן אָן די פייגלעך צו פיפסן, אַזוי אויך אין גן עדן, קליידן זיך אָן די נשמות אַזוי ווי דאָס געשטאַלט פון די פייגלעך און לויבן גאָט ברוך הוא.

**זיי האָבן זוכה געווען צו פאַרהוילענע היכלות מער פון די צדיקים וואָס זיצן צווישן די שורות ווייל זיי האָבן מעמיד געווען קינדער תלמידי חכמים**

**די צדיקים** וואָס זיצן נאָך העכער, אין פאַרהוילענע היכלות, ווערט געזאָגט אַז קיין אויג האָט דאָס נישט געזען. זיי ווערן גערופן דרור, ווייל זיי האָבן מער פרייהייט און פרייד פון אַלע, און אויב דו וועסט וועלן זאָגן, פאַרוואָס האָבן די צדיקים זוכה געווען צו אַזעלכע באַהאַלטענע היכלות מער פון די צדיקים וואָס זיצן צווישן די שורות? דאָס איז ווייל זיי האָבן זוכה געווען מעמיד צו זיין קינדער תלמידי חכמים וואָס לערנען תורה שבכתב און תורה שבעל פה וואָס זיי זענען געגליכן צו די מזבחות פון דעם בית המקדש.

**אַלע מלאכות פון באַקן מצות זאָלן געטאָן ווערן דורך אידן**

**דריי מאל** אין יאָר פרייט זיך גאָט מיט די צדיקים. מען עפענט זיי דעם היכל וואָס דאָרטן מאַכט מען קרוינען מיט זיי צו קרוינען משיח׳ן לעתיד לבא. און פריער ווערט דערמאַנט אַז אין דעם דאָזיגן חודש זענען אידן עוסק במצוות, זיי כשרן און גליען און שווענקען אָפּ נאָך דעם כשר׳ן, און גיסן ארויף הייס וואַסער בשעת כשרן, און קלייבן די ווייץ, און זיי מאָלן, און זיפּן די מעהל, און קנעטן און באקן מצות. יעדע זאַך ווערט גערעכנט אַלץ אַ באַזונדערע מצוה. דערפאַר איז אַ מנהג כשר אַז די מלאכה פון די אַלע מלאכות זאָלן געמאַכט ווערן דורך אידן. מען דאַרף מהדר זיין אין דעם חודש צו טאָן אַסאַך מצוות. יעדער וואָס פאָרכט זיך פאַר גאָט זאָל טראַכטן מ׳ט זיין שכל ווי אַזוי מחדש זיין עפעס אַ דבר מצוה.

## אויב מען גיט נישט צדקה און מעשר ווי עס באַדארף זיין, משפט השי״ת די וועלט וועגן די תבואה וואָס ער האָט געגעבן פריערדיגן יאָר

**מען מוז** געבן צדקה און פרנסה פאַר די אָרימע לייט, ווייל אין פסח ווערט מען געמשפט אויף די תבואה. דאָס מיינט אַזוי ווי רבי יוחנן האָט געזאָגט דאָס אין דעם פריערדיגן יאָר האָט זיי גאָט ברוך הוא געגעבן ווי די באַדערפענישן פון דער וועלט. אַז גאָט זעט אַז די מענטשן האָבן נישט יוצא געווען, דאָס זיי האָבן נישט געגעבן קיין צדקה, אַפילו האָבנדיג די גוטע שפע וואָס גאָט האָט זיי געגעבן אין די תבואה, און די מענטשן האָבן נישט געגעבן ריכטיג קיין מעשר, נישט צו די אָרימע לייט, אַלמנות און יתומים, אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין, איבער אַ יאָר פסח, משפט גאָט דער וועלט וועגן די תבואה וואָס ער האָט זיי געגעבן אין דעם פריערדיגן יאָר. דערפאַר זאָל דער מענטש אַ גאַנץ חודש ניסן זיך גוט איבערקלערן אויב ער האָט יוצא געווען, מיט דער מצוה פון צדקה לויט די השפעה וואָס ער האָט מקבל געווען פון גאָט אין דעם פריערדיגן יאָר. מכל שכן די ראָשים און פרנסים זיי דאַרפן גיט אַכטונג געבען דערויף, און מכל שכן אַז זיי זאָלן ווייטער ריכטיג מקיים זיין די מצות צדקה.

## דער חלק וואָס מען גיט צו די אָרימע לייט איז דאָס דער חלק פון ג-ט

**וואויל איז** דעם גבאי וואָס ער איז אַליין עוסק אין דער גרויסער מצוה צו קויפן די בעסטע ווייץ פאַר די אָרימע לייט, ווייל דער חלק וואָס מען גיט צו די אָרימע לייט דאָס איז דער חלק פון ג-ט.

## אויף אַלע גבאים איז מוטל זיי זאָלן דעם חודש אַכטונג געבן אויף די אָרימע לייט

איך האָב געזען אין דער מדינה פון פוילן איין מכשול צווישן די גבאים. דאָס יעדער איז אַ גבאי איין חודש, און אַז עס קומט חודש ניסן, און חודש תשרי, וואָס דאָס באַדערפעניש פון די אָרימע לייט איז דעמאָלטס זייער פיל, ציען זיך די גבאים אַרויס דערפון, און זאָגען צו די אָרימע לייט, וואָס ווילט איר פון אונז, גייט צו דעם גבאי חודש, און אויף אים ליגט די אחריות, ער זאָל דעם חודש יוצא זיין אַנטקעגן אייך. אָבער דער וואָס טוט אַזוי, איז דאָס זייער אַ שלעכטער מנהג, דען אויף אַלע גבאים איז מוטל זיי זאָלן דעם חודש אַכטונג געבן אויף די אָרימע לייט, און זיי זאָלן זיי העלפן מיט געלט. און וואָס זאָל טאָן דער גבאי חודש, דאָס ער האָט אַמאָל קיין יכולת נישט צו לייען פון זיין געלט אין צדקה אַריין, און אין דעם כיס פון צדקה איז פונקט נישט דאָ געלט. דערפאַר מוזן אַלע גבאים זיך צונויף זאַמלען, און גוט אַכטונג געבן אויף דער באַדערפעניש פון די אָרימע לייט, און דורך דעם וועט השם יתברך זיי בענטשן אין אַלע זייערע ווערק, און זיי וועלן זוכה זיין צו זען דעם בנין פון ציון און ירושלים אָמן כן יהי רצון.

❖ ❖ ❖

# הוספה

## די וויכטיגקייט פון געבן מעשר!

**דער מדרש** רבה (שמות רבה פרק ל״א-י״ח) ברענגט אַ מעשה, פון איינעם, וועלכער האָט פאַר׳ן שטאַרבן, געזאָגט פאַר זיין זון: זאָלסט וויסן, אַז מיין פעלד פלעגט מיר יעדעס יאָר אַרויסגעבן טויזענט מאָס תבואה, וואָס הונדערט דערפון, פלעג איך געבן פאַר מעשר, און פונעם איבריגען האָב איך געהאַט גענוג, אויף צום לעבן, דערפאַר זאָלסטו אויך זען אַכטונג צו געבן אויפ׳ן פעלד, און געבן הונדערט מאָס אויף מעשר, יעדעס יאָר.

**אָבער** נאָכדעם ווי דער פאָטער איז נפטר געוואָרן, האָט דער זון בלויז איין יאָר, אויסגעפאָלגט זיין פאָטער׳ס באַפעל. דאָס צווייטע יאָר האָט ער זיך שוין געלאָזט איבעררעדן פון יצר הרע און ער האָט פון די הונדערט מאָס מעשר, אַראָפּגענומען צען מאָס. דע רעונש איז גלייך געקומען און דאָס קומענדיגע יאָר איז געוואַקסן מיט הונדערט מאָס ווייניגער. ער האָט זיך אָבער נאָך אַלץ געלאָזט פאַרפירן פון יצר הרע ל״ע און ער האָט יעדעס יאָר מער און מער אַראָפּגענומען פונעם מעשר, און דאָס פעלד האָט שטענדיג לויט דעם חשבון אויך אַרויסגעגעבן ווייניגער פירות, ביז דאָס פעלד האָט שוין אַרויסגעגעבן נאָר הונדערט מאָס פונקט וויפיל ס׳פלעגט אַמאָל צו באַרטעפן דאָס מעשר.

**ווען** זיינע קרובים האָבן זיך דערפון דערוואוסט, האָבן זיי אים געוואָלט מעורר זיין, ער זאָל פאַררעכטן וואָס ער האָט פאַרדאָרבן. האָבן זיי זיך אָנגעטאָן שיינע בגדים, ווי ווען מ׳גייט אויף אַ שמחה, און אַזוי זענען זיי אים געקומען באַזוכן.

**איר** זענט זיך געקומען פרייען איבער מיינע צרות - האָט ער צו זיי אויסגערופן - און דערפאַר האָט איר זיך אַזוי שיין אָנגעטאָן, און

געקומען צו מיר.

**חס ושלום!** - האָבן זיי אים געענטפערט - מיר זענען זיך נאָר געקועמן מיט פרייען מיט דיין שמחה, דערפאַר וואָס ביז היינט, ביסטו געווען דער בעל הבית, און השם יתברך איז געווען דער כהן, ווען דו האָסט געדאַרפט געבן מעשר. אָבער יעצט פרייען מיר זיך מיט, דערויף וואָס דו האָסט דערלעבט, צו ווערן דער כהן, און השם יתברך איז דער בעל הבית, וועלכער גיט פאַר דיר מעשר.

**ער האָט** באַגריפן דעם באַמערקונג, און ער האָט ווידער אָנגעהויבן געהעריג צו געבן מעשר, ווי ס'דאַרף צו זיין. און זיינע פעלדער האָבן גלייכצייטיג, פריש אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דעם אַמאָליגען קוואַנטום תבואה, אַזוי אַז ער איז ווייטער רייך געוואָרן. ווי דער פסוק זאָגט "עשר תעשר", און די חכמינו ז"ל דרש'נען דערויף (שבת קי"ט ע"א) "עשר בשביל שתתעשר", אַז דורך מעשר'ן ווערט מען רייך.

# פרק צ״ב

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט דער ענין פון ״ספירה טעג״, זיך צו רייניגן און ארויסגיין פון די שערי טומאה כדי אריין צו גיין אין די שערי קדושה.**

**א. מאהבת הקדוש ברוך הוא,** ווייל ג-ט ברוך הוא האָט ליב די אידן, האָט ער זיי געבאָטן צו ציילן ניין און פערציג טעג, פון אַ טאָג נאָך פסח ביז שבועות, וואָס דעמאָלטס האָט מען געגעבן די תורה, וואָס דאָס איז דער פופציגסטער טאָג, און דער טעם דערפון איז, (ראה זהר ח״ג. דף צז, ע״א) ווייל, אַז די אידן זענען געווען אין גלות מצרים, זענען זיי געזונקען אין דער קליפה אין ניין און פערציג שערי טומאה, און די אידן געווען דאָרט נאָך איין טאָג, וואָלטן זיי חס ושלום אַריינגעגאַנגען אין פופציגסטן שער הטומאה, וואָלטן מיר מיט אונזערע קינדער און קינד׳ס קינדער געווען קנעכט אין מצרים.

**יעדן טאָג האָט ער אונז אַריין געברענגט אין איין שער הקדושה**

**ב. והקב״ה ברחמיו,** און ג-ט ברוך הוא מיט זיין גרויס רחמנות און זיינע חסדים האָט ער אונז ארויס געצויגען פון דאָרט, און האָט אונז געגעבן די תורה נאָך פופציג טעג, דהיינו ער האָט אונז געהייסן ציילן ניין און פערציג טעג און יעדן טאָג האָט ער אונז אַריין געברענגט אין איין שער הקדושה, ביז דעם פופציגסטן טאָג, דאָס איז דער יום טוב פון שבועות, האָט ער אונז געגעבן די תורה, און דערפאַר האָט השם יתברך אונז געהייסן ציילן זיבן וואָכן אַזוי ווי דער דין פון אַ נדה, וואָס זי דאַרף ציילן זיבן ריינע טעג און דערנאָך ווערט זי הערשט טהור צו איר מאַן.

**די אידן האָבן זוכה געווען אַריין צו גיין אין דעם פופציגסטן שער פון די שערי בינה**

**ג. כן היו ישראל,** אַזוי אויך די אידן האָבן געהאַט דעם דין פון טומאת הנדה וואָס זיי זענען טמא געוואָרן אין די קליפות פון מצרים, דערפאַר האָבן זיי געמוזט ציילן זיבן וואָכן, זיי זאָלן זיך רייניגן אין זיי, כדי זיי זאָלן זיין בקדושה ובטהרה אויף חג השבועות, און מקבל זיין די תורה. אין דעם פופציגסטן טאָג איז חג השבועות, האָבן די אידן זוכה געווען אַריין צו גיין אין דעם פופציגסטן שער פון די שערי בינה, און דער שער ווערט גערופן (בראשית ב, ט) "עֵץ הַחַיִּים אֲשֶׁר בְּתוֹךְ הַגָּן" עדן, אַזוי ווי דעם עֵץ הַחַיִּים האָט השם יתברך געפלאַנצט אין מיטן גן עדן.

**דערפאַר איז שבועות איין טאָג מרמז צו זיין אַז השם יתברך איז איינער און די אידן זענען איין פאָלק אין דעם לאַנד ארץ ישראל**

**ד. ואם כן לכן נקרא,** דעריבער ווערט שבועות גערופן "עץ החיים", וואָס איז אינמיטן פון גאָרטן, ווייל ער איז דער מיטלסטער יום טוב, דען פסח איז דער ערשטער יום טוב, און סוכות איז דער לעצטע, און שבועות איז דער מיטסלטער יום טוב, דערפאַר האָט אונז ג-ט ברוך הוא דעמאָלסט געגעבן די תורה, און דערפאַר איז שבועות איין טאָג מרמז צו זיין אַז השם יתברך איז איינער און די אידן זענען איין פאָלק אין דעם לאַנד ארץ ישראל, דאָס איז מרמז אַז די אידן הענגען אין זיין איינציגקייט.

**אין די ניין און פערציג טעג זענען זיי אַרויס געגאַנגען פון דער טומאה און זענען אַריין אין די ניין און פערציג שערי בינה**

**ה. ולכן כתיב בזוהר,** און דערפאַר שרייבט דער זוהר פרשת אמור (דאָרט), אַז די אידן זענען געווען אין מצרים זענען זיי געווען אין אַן אַנדער רשות, און זענען געווען

געזונקען אין דער טומאה אַזוי ווי אַן אשה וואָס זי איז אין אירע טמא טעג. נאָך דעם אַז זיי האָבן זיך מל געווען אין מצרים זענען זיי אַריין געגאַנגען אין דעם חלק פון קדושה וואָס עס ווערט גערופן ברית, און די טומאה האָט זיך אָפּגעטאָן פון זיי, שטייט דערנאָך וספרתם לכם ממחרת השבת, און איר זאָלט אָנהייבן צו ציילן פון דעם אַנדער'ן טאָג פסח ניין און פערציג טעג, אַזוי ווי אַן אשה דאַרף ציילן זיבן ריינע טעג, אַזוי אויך האָט השם יתברך געזאָגט צו די אידן פון היינט אָן און ווייטער זאָלט איר אָנהייבן צו רעכענען די ניין און פערציג טעג, פון וועגן איר זאָלט זיין גאַנץ אין דעם ריינקייט. די ניין און פערציג טעג, זענען קעגן די ניין און פערציג שערים וואָס די אידן זענען געווען אין דער טומאה פון מצרים, זענען זיי אין די ניין און פערציג טעג אַרויס געגאַנגען פון דער טומאה און זענען אַריין אין די ניין און פערציג שערי בינה.

## לערנען די נאַכט פון שבועות אַזוי ווי דער האר״י הקדוש זכרונו לברכה האָט מתקן געווען

**ו. וביום החמשים,** אין דעם פופציגסטן טאָג, האָט ער פון די אידן אָפּגעטאָן זייער זוהמא, און זענען אַריין געגאַנגען אין דעם פופציגסטן שער הבינה. זענען זיי שוין אַלע געווען ריין אין דעם פיפציגסטן טאָג, וואָס ער איז אַ ריינער און הייליגער טאָג, זענען די אידן פריי אַרויס געגאַנגען פון דעם מלאך המות. דעריבער איז רעכט צו יעדן מענטש וואָס פאָרכט זיך פאַר השם יתברך, ער זאָל לערנען די נאַכט פון שבועות אַזוי ווי דער האר״י הקדוש זכרונו לברכה האָט מתקן געווען. עס שטייט שוין היינט געדרוקט אין דעם תיקון ליל שבועות.

**וואויל איז דעם מענטש וואָס טוט אַזוי, און בזכות זה וועט השם יתברך אויף אונז משפיע זיין אַ נייע ליכט**

**ז. ויש נוהגים,** און אַ טייל זענען זיך נוהג דעם תיקון צו זאָגן אין ביידע נעכט פון שבועות, און וואויל איז דעם מענטש וואָס טוט אַזוי, און בזכות זה וועט השם יתברך אויף אונז משפיע זיין אַ נייע ליכט, און מיר וועלן אַלע זוכה זיין צו זיין ליכט אָמן.

❖ ❖ ❖